בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת שופטים תשע"ד | אבות א' | גליון 282 [שנה ו']

### נאר א מנהיג וואס וועט אריינטאן יראת שמים אין דיר

שֹׁפְטִים וְשֹׁטְרִים תִּתֶּן־לְךָ בְּכָל־שְׁעָרֶיךָ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ: (ט"ז י"ח) אין שטאט שֶׁעפּס האט מען געזוכט א רב, האט הרה"ק ר' נטע פון מַאקוב דער איידעם פון הייליגן ר' חיים חייקא מֵאַמדור געוואלט מען זאל אויפנעמען הרה"ק ר' פייבל מִגְרִיצָא צו ווערן רב. זיין רצון האט ער געבויט אויפן פסוק שֹׁפְטִים וְשֹׁטְרִים תִּתֶּן־לְךָ, וואס פאר א מנהיג זאלסטו אויסקלייבן? "אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ", וואס ער וועט דיר געבן צו וויסן אז דער אויבערשטער איז דיין ג–ט. דאס מיינט א שופט און א מנהיג וואס וועט אין דיר אריינגעבן יראת שמים, און דאס וועט ר' פייבל טאן. (אוצר אפרים –שטיין)

### דער סמיכות פון שפטים בכל שעריך צו עולה רגל זיין

שֹׁפְטִים וְשֹׁטְרִים תִּתֶּן־לְךָ בְּכָל־שְׁעָרֶיךָ: (ט"ז י"ח) פארוואס שטייט די מצוה פון שטעלן שופטים ביי דיר אין שטאט גלייך נאך די פרשה פון שלש פעמים בשנה וואס דאס איז די מצוה פון עולה רגל זיין? נאר ווען די תורה הייסט נישט שטעלן דיינים אין יעדן שטאט, וואלטן מענטשן געקענט זאגן אז מען גייט דאך סיי ווי דריי מאל א יאר קיין ירושלים צו עולה רגל זיין, איז ממילא פאר די אלע דין תורה'ס וועט מען גיין צו די סנהדרין אין לִשְׁכַּת הַגָּזִית! זאגט די תורה, ניין! אפילו מען גייט קיין ירושלים, דארף מען שטעלן דיינים אין די שטעט ווייל עס איז א דא א דין פון עינוי הדין, פון נישט פייניגן יענעם, אז מען זאל נישט דארפן ווארטן פאר א פסק דין, נאר גלייך מאכן א דין תורה, דאס איז די סמיכות פון שטעלן דיינים בכל שעריך, צו עלייה לרגל. (אור החיים הק')

### גרויסקייט פון תפילה בציבור

צֶדֶק צֶדֶק תִּרְדֹּף לְמַעַן תִּחְיֶה: (ט"ז כ') שטייט אין גמ' (ברכות ח:) אמרו ליה לרבי יוחנן: איכא סָבֵי בְּבָבֶל! תמה ואמר (דברים יא כא) למען ירבו ימיכם וימי בניכם על האדמה [כימי השמים על הארץ] כתיב, אבל בחוצה לארץ לא! כיון דאמרי ליה מַקְדְּמֵי וּמַחְשְׁכֵי לְבֵי כְּנִישְׁתָּא אמר: היינו דְּאַהֲנֵי להו; זיי האט זיך געוואונדערט ווי אזוי קענען אידן פון חוץ לארץ זוכה זיין צו אריכות ימים? נאר אין זכות וואס מען גייט אין שול אינדערפרי און ביינאכט האט מען אריכות ימים אין חוץ לארץ אויך. און די גמ' זאגט (ברכות דף ו:) אז עס איז מצוה צו לויפן לבית הכנסת ווייל עס שטייט (הושע ו) נִרְדְּפָה לָדַעַת את ה'. און אין ספר אֵזוֹר אֵלִיָּהוּ –הורשבסקי, ברענגט אז צֶדֶ"ק איז די ר"ת: צ'= 90 מאל אמן, ד'= 4 מאל קדושות, ק' = 100 ברכות, און דאס קען מען נאר מקיים זיין אין א שול מיט תפילה בציבור ע"כ. דאס קען זיין די כוונה אין פסוק צֶדֶק: די דריי זאכן פון צֶדֶ"ק, 90 אמן,4 קדושה און 100ברכות, וואס מען קען דאס טאן נאר אין שול בציבור, תִּרְדֹּף זאלסטו דארטן לויפן אין שול, ווייל נאר אין זכות פון גיין אין שול אינדערפרי און ביינאכט, לְמַעַן תִּחְיֶה וועסטו זוכה זיין צו אריכות ימים אויך אין חו"ל. (שמחה זבולון)

### פארוואס שטייט נישט על פי שלשה

עַל־פִּי שְׁנַיִם עֵדִים אוֹ שְׁלֹשָׁה עֵדִים יוּמַת הַמֵּת: (י"ז ו) דארף מען פארשטיין פארוואס אין די פסוק שטייט "אוֹ שְׁלֹשָׁה עֵדִים" שטייט נישט ביי שְׁלֹשָׁה, עַל־פִּי, און ווייטער שטייט עַל־פִּי שְׁנֵי עֵדִים אוֹ עַל "פִּי שְׁלֹשָׁה" עֵדִים יָקוּם דָּבָר: (י"ט ט"ו) שטייט יא עַל "פִּי שְׁלֹשָׁה" אין ספר אהל מועד מהגאון ר' אברהם ביק ז"ל ברענגט פון מוח"ז הגאון ר' אהרן זינגער זצ"ל בעל תפארת אהרן אב"ד ממאטעטערסדארף א תירוץ, ווייל שפעטער רעדט זיך די פסוק ביי דיני ממונות, און ביי דיני ממונות איז דא די כלל "עֵד נַעֲשֶׂה דַּיָּן" דאס מיינט אז איינע פון די עדות קען ווערן א דיין און פסקענ'ן, ממילא שטייט ביי שְׁלֹשָׁה – עַל־פִּי, ווייל ביי דריי איז דא נאך א פה, ווייל פון די דריי קען מען נעמען צוויי פון זיי פאר עדים און דער דריטער קען ווערן א דיין. משא"כ ביי אונז (י"ז ו) שטייט אוֹ שְׁלֹשָׁה עֵדִים "יוּמַת הַמֵּת" וואס דאס רעדט זיך ביי דיני נפשות, און ביי דיני נפשות "אין עֵד נַעֲשֶׂה דַּיָּן", א עֵד קען נישט ווערן א דַּיָּן, תוס' ברענגט דאס אין (כתובות דף כ"א) ד"ה הנח, אז אויב א עד האט געזען א מעשה פון נפשות, וועט ער שוין נישט קענען טרעפן א זכות, ממילא וועט ער נישט זיין א גוטע דיין, דעריבער שטייט נישט ביי דיני נפשות עַל־פִּי, ווייל ווען זיי זענען דריי עדים, איז נישטא א איבעריגע פִּי צו ווערן א דיין. (בית ישראל השלם אדמו"ר ממאטעטערסדארף)

### מצוה לשמוע דברי חכמים

לֹא תָסוּר מִן־הַדָּבָר אֲשֶׁר־יַגִּידוּ לְךָ יָמִין וּשְׂמֹאל: (דברים י"ז י"א) פון דעם פסוק לערנן חז"ל אז עס איז דא דער דין פון מצוה לשמוע דברי חכמים. וועגן דעם זאגט מען וְצִוָּנוּ ביי מקרא מגילה און נר חנוכה. (שבת כג:) און דער רמב"ם פסקענט פון דעם פסוק "כל העובר על דברי חכמים עובר בלאו הזה מדאורייתא". (שו"ת רעק"א מהדורא תנינא קנ"ג ד"ה אמנם) עס איז דא זייער א אינטרעסאנטער רמז אין דעם פסוק צו ווייזן ווי ווייט א כח וואס די תורה האט געגעבן צו די חכמים. ווייל אין די ווארט מִ"ן איז מרומז אויף דייקא צוויי אזעלכע זאכן וואס די חכמים זאגן אנדערש פון וואס עס שטייט אין די תורה: און מען טוט ווי די חכמים. איינס: ביי מלקות שטייט אַרְבָּעִים יַכֶּנּוּ מען דארף געבן 40 קלעפ, און די חכמים זאגן נאר 39, און מען גיט נאר 39 מלקות. און ביי ספירת העומר שטייט תספרו חמישים יום מען דארף ציילן 50 טעג, קומען חז"ל און זאגן מען דארף נאר ציילן 49 טעג, דאס שטייט דא אין פסוק: לֹא תָסוּר "מִן"- מ' פון מלקות און נ' פון ספירת העומר, דאס וואס עס שטייט אין די תורה, איז לֹא תָסוּר מִן־הַדָּבָר פון דברי חכמים, און פון 40 גיב ל"ט, און פון 50 צייל נאר 49. (אלף כתב להר' יצחק ווייס ששמע מהרה"ג ר' דן וואקסבערגער דיין דק"ק פיומא אלול תרצ"ב)

### שיינע פלפול פון "ממיתין אותו ברגל"

וְכָל הָעָם יִשְׁמְעוּ וְיִרָאוּ וְלֹא יְזִידוּן עוֹד: (יז יג) זאגט רש"י וכל העם ישמעו: מכאן שממתינין לו עד הרגל וממיתין אותו ברגל: (סנהדרין פט.) על כרחך רגל מיינט חול המועד, ווייל אין יו"ט איז רציחה אסור (סנהדרין לו.) און אין יו"ט איז דאס הבערה שלא לצורך. און עס איז א דוחק צו מתיר מאכן וועגן מתוך שהותרה לצורך הותרה נמי שלא לצורך, ווייל מען קען דאך ווארטן אויף חול המועד. דעריבער מוז מען זאגן אז רגל מיינט חול המועד ווען אלע אידן זענען אין ירושלים עולה רגל זיין. אבער לויט דעם איז אביסל שווער ווייל די גמ' (סנהדרין סג.) און עס איז געפסקענט אין (רמב"ם הלכות סנהדרין פי"ג ה"ד) אז א בית דין וואס זיי האבן געגעבן מיתה איז יענע טאג האבן זיי נישט געמעגט עסן אויב אזוי האבן זיי מבטל געווען שמחת יו"ט וואס איז א מצות עשה דאורייתא, און אין חול המועד איז דא אחיוב צו עסן פת און אויך בשר ויין (ועיין בדברינו בנימוקי אורח חיים הלכות חול המועד סימן תק"ל). דעריבער מוז מען זאגן א דא איז עקסטערע גזירת הכתוב "וְכָל הָעָם יִשְׁמְעוּ וְיִרָאוּ", מוז מען עס טאן דוקא ווען עס איז דא כָּל הָעָם און דאס איז חול המועד. (חיים ושלום מונקאטש)

# מדור העובדות

## רבי מאיר מפרימישלאן מיט זיין פקחות ברענגט א עהרליכע שליח ציבור פאר א שטאט

אין א שטעטל לעבן פרימישלאן איז געשאפן געווארן א גרויסע דאגה ביי די חשובי העיר און דוקא אין חודש אלול. א איד וואס איז געווען דער גרעסטער גביר פון שטאט האט זיך געהאלטן אזוי ווי ער איז דער ראש הקהל און געוואלט זיין דער בעל הבית אויף אלע פירונגען אין שטאט. יענע יאר איז דער אלטער חזן געשטארבן וואס ער איז געווען א ירא שמים און א תלמיד חכם, דער גביר האט זיך פאר חשק'ט צו ווערן דער נייער חזן. די חשובי העיר האבן זייער מורא געהאט פון אים. און אפילו באמת איז ער טאקע געווען א גרויסער בעל צדקה און א פרנס הקהילה מיט א ברייטער הארץ, אבער ער איז געווען ווייט פון צו זיין א ירא שמים, און ער איז אויך געווען א גרויסער עם הארץ. און זיכער נישט ראוי צו זיין א שליח ציבור, און ברענגען א גוט יאר פאר די קהילה!

מען האט געמאכט א אסיפה און עס איז געבליבן דארטן א שלוס אז מען וועט שיקן א משלחת צו פארן קיין פרימישלאן פרעגן א עצה ביים הייליגן צדיק ר' מאיר'ל. א משלחת איז אנגעקומען צו ר' מאיר'ל און האבן ארויס געזאגט זייער זארג, ר' מאיר'ל האט געפרעגט פארוואס זיי האלטן אז דער גביר איז נישט ראוי צו זיין זייער שליח ציבור? און זיי האבן אים אלעס געזאגט. ר' מאיר'ל נעמט זיך טראכטן א עצה און נאך א פאר מינוט טראכטן האט ער זיי געזאגט אז ער האט א עצה ווי אפצוקילן דעם חשק פון גביר צו ווערן זיין זייער שליח ציבור!

און געזאגט: אז היות דער מנהג פון אלע קהילות אין געגנט איז איינגעפירט אז די חזנים קומען צו אים נעמען א ברכה אז זייערע תפילות זאלן אנגענומען ווערן און אויך נעמען התחזקות אין יראת שמים. איז די עצה אז מען זאל בעטן דעם גביר צו קומען דא און איך וועל רעדן מיט אים און זען אויב ער איז נישט ראוי צו זיין אייער שליח ציבור וועל איך שוין ארויסנעמען זיין חשק צו זיין אייער שליח ציבור. פארט צוריק אהיים און דערווייל זוכט א פאסיגער חזן און דער אויבערשטער וועט אייך העלפן.

די משלחת זענען אהיים געקומען און איבער געזאגט פאר די חשובי הקהילה וואס ר' מאיר'ל האט געזאגט. און עס איז געבליבן אז מען וועט בעטן דעם רב פון שטאט צו בעטן דעם גביר צו גיין קיין פרימישלאן אזוי ווי דער מנהג איז פאר אלע חזנים, און אזוי וועט מען זיך קענען א עצה געבן! דער רב האט מסכים געווען און געשיקט רופן דער גביר און געזאגט אז היות דער מנהג איז אז אלע חזנים פון אלע שטעטלאך ארום גייען קיין פרימישלאן יעדן חודש אלול און בעטן א ברכה פון ר' מאיר'ל אז זיי זאלן פועלן א גוט יאר מיט זייערע תפילות, דעריבער בעט מען אים ער זאל אויך אהין פארן. דער גביר האט מסכים געווען און איז געפארן מיט זיין שיינע קארעטע קיין פרימישלאן אוןווארט אין די רייע מיט די אנדערע חזנים פון געגענט.

ווען ער איז אריין צום רבי'ן נעמט אים אויף ר' מאיר'ל זייער ווארעם און פרעגט פון וואו איז א איד? און וואס איז זיין פארלאנג? און ער דערציילט אז ער איז פון דעם שטעטל און היות אז דער אלטער חזן איז געשטארבן, וויל ער ווערן דער נייער חזן און געקומען בעטן א ברכה ביים רבי'ן אזוי ווי דער מנהג איז. דער רבי פרעגט אים צו ער איז אמאל געווען א שליח ציבור? ענטפערט ער, ניין! זאגט אים ר' מאיר'ל אויב אזוי דארף איך וויסן וועלכע דרגא חזן דו באלאנגסטו! וואונדערט זיך דער גביר און זאגט איך בין דאך נישט געווען קיין חזן דערווייל! זאגט אים דער רבי טאקע וועגן דעם וויל איך זיך דורכרעדן מיט דיר וועגן די דריי מדריגות פון א חזן און זען וועלכע מדריגה דו באלאנגסט.

און דער רבי הויבט אן: די ערשטע און גרעסטע מדריגה פון א חזן איז תפילה למשה. משה רבינו איז געווען דער צדיק הדור און תלמיד חכם, ביזטו דען דער חזן אין אזא מדריגה פון משה וואס מיט זיין צדקות און כח התורה האט ער געברענגט זיינע תפילות גלייך צום כסא הכבוד? ענטפערט דער גביר, ניין איך בין ווייט פון דעם! נו, עס איז נאך דא צוויי מדריגות. אפשר געהערסטו צו די צוויי מדריגות?

די צווייטע מדריגה איז תפילה לדוד. דוד המלך האט געהאט א זיסע קול און געמאכט שיינע שירות ותשבחות. האקט אריין דער גביר און זאגט אז דער פריערדיגער חזן האט אויך נישט געהאט א ספעציעלע שטימע און איך מיין אז איך האב א שענערע שטימע פון אים! גוט. אבער די מענטשן וואס האבן געהערט דוד המלך זענען צוגאנגען פון זיין זיסקייט און האבן תשובה געטאן הערענדיג זיין זינגען. ביזטו אויך אזא חזן? ענטפערט דער גביר, איך בין אויך ווייט פון דער מדריגה! נו: עס איז אבער דא נאך א מדריגה און דאס איז תפילה לעני. דער ארימאן האט גארנישט און ממילא דאווענט ער מיט א צובראכענע הארץ און בעט דעם אויבערשטן אז אלע זיינע תפילות זאלן אנגענומען ווערן און ווייל דער אויבערשטער האט ליב א צובראכענע הארץ נעמט ער אן זיינע תפילות. ממילא ביזטו אויך פון די מדריגה? זאגט דער גביר איך האב ב"ה אלעס וואס איך דארף און מער, און איך האב נישט קיין צובראכענע הארץ!

אויב אזוי פרעגט אים ר' מאיר'ל: ווי אזוי ווילסטו זיין א שליח ציבור אויב דו האסט נישט איינע פון די דריי מדריגות? דער גביר קוקט אן ר' מאיר'ל און הויבט אן צו וויינען און זאגט רבי! געב מיר התחזקות און א דרך צו ווערן א עהרליכער איד. ר' מאיר'ל האט אים געזאגט אז ער זאל צוריק קומען נאך יום טוב און דערווייל זאל ער אהיים גיין און זאגן דער רב אז ער קען זוכן א חזן ווייל דו ווילסט נישט זיין א שליח ציבור דעם יאר. דער גביר האט מסכים געווען צום פארלאנג פון רבי'ן. ר' מאיר'ל האט אים ווארעם אנגעוואונטשן און די קהילה האט זיך געפריידט מיט די עצה פון ר' מאיר'ל און געטראפן א פאסיגער שליח ציבור. און נאך יום טוב איז דער גביר געפארן קיין פרימישלאן און איז געווארן א נאנטער חסיד פון ר' מאיר מפרימישלאן זיע"א

**אלול תשרי:** דער הייליגער חיד"א ברענגט צוויי רמזים אויף חודש תשרי פון די פרשה. אופן פסוק צֶדֶק צֶדֶק תִּרְדֹּף לְמַעַן תִּחְיֶה וְיָרַשְׁתָּ. וירשת איז אותיות ותשרי דורך צֶדֶק, געבן צדקה, ויתן ויחזור ויתן, וועגן, לְמַעַן תִּחְיֶה: וְיָרַשְׁתָּ – ותשרי, ווען עס קומט תשרי, וועסטו זוכה זיין צו א גוט יאר, ווייל צדקה איז פון די זאכן וואס זענען מעבירין את רוע הגזירה. נאך א רמז זאגט ער: תמים תהיה איז בגימט' 910, א רמז אויף תשרי וואס איז אויך בגימט' 910, ווייל מען זאל קומען צו חודש תשרי, עם ה' אלקיך נאר מיט תשובה. (נחל קדומים)

וְנָתַתִּי "אֶת־לִבִּי לִדְרוֹשׁ וְלָתוּר": (קהלת א יג) די ר"ת איז אלול, און די ס"ת איז תשרי, וואס די צוויי חדשים איז די צייט צו פארשטן און נאכקוקן די מעשים און תשובה טאן. (בשם דודי הגה"צ ר' חיים ברים זצ"ל)

הגליון מוקדש לעי"נ זקני הר"ר יצחק בן ר' יהודה זבולון הלוי קליטניק ע"ה א' אלול תשמ"א. ולעי"נ חמותי מרת שרה –אשת חבר של מו"ח הרה"צ ר' יוסף בהרה"צ ר' ישראל טויסיג זצ"ל– בת ר' חיים אהרן הכהן כ"ץ מבאטיו ע"ה ב' אלול תשנ"ב. מזל טוב לר' אלעזר דוב בהרה"ח ר' יוסף בריעגר נ"י. וש"ב ר' יצחק משה בן אחי היקר הר' אהרן נח בן אבי מורי הרה"ח ר' אליעזר הלוי קליטניק שליט"א להולדת הבנים ולש"ב ר' יוסף –חתן ר' ש"ב ר' יצחק ישראל בהרה"צ ר' שבתי באלד נ"י – בן הר"ר לוי בן דודי הר"ר אהרן הלוי קליטעניק נ"י ולר' יצחק ב"ר דוד וואלפין נ"י להולדת הבנות


*נישט קוקן אין דעם חלק במשך השבת קודש: הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד– צו פארקויפן -*

א שיינער תהלים וואס דער הייליגער ר' יצחק נעשחיזער האט געדרוקט און איז באוואוסט צו פועלן ישועות, אוהב ישראל דפוס ראשון, קצות החושן דפוס ראשון, נתיבות המשפט דפוס ראשון , א בריוו פון הרה"ק ר' ירחמיאל משה מקאזניץ (תרמ"ג) שוער פון בעל חובת התלמידים. קליין ש"ס וואס האט באלאנגט צום דמשק אליעזר פון וויזניץ אויך א לאנגע בריוו וואס ער שרייבט פון וויזניץ תרצ"ה און דערמאנט דעם אהבת ישראל שליט"א, ספר דרשות הר"ן פראג מיט הגהות פון ר' נתן אלי' עהרמאן מאירשא, ספר כרתי ופלתי מיט חתימה ר' מאיר בהרב מפרעמישלאן. א סידור קול יעקב סלאוויטא מיט חתימת און הגהות הרה"ק ר' בצלאל מרגליות זון פון בעל מאיר נתיבים און דער מסכים אויף ספר שבחי הבעש"ט. ערשטער דרוק שו"ת נודע ביהודה, ערשטער דרוק תוספות שבת תלמיד בעש"ט, א גמ' וואס האט באלאנגט צום אמרי יוסף און זיין זון דער חקל יצחק, א תשובת מהר"י אסאד מיט פיל הגהות פון ר' עמרם בהרה"ג ר' שאול רוזנבערג פון ראצפארט, ערשטער דרוק שארית ישראל ווילעדניק מיט חתימת הרה"ק ר' אהרן מקוידנאב, א בריוו פון הרה"ק ר' יעקב חיים מסטאלין, א ערשטע דרוק ספר בית אהרן קארלין, ספר עמודי שטים מיט הגהות פון הגאון ר' בנימין וואלף דער שערי תורה און נאך ספרים און בריוו

*מער פון 10000 ספרים פון אלע מינים אלעס איז מסודר, אסאך וואס זענען נישט בנמצא אנגעקומען*

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:00 Fri till 1 till 1 seforim@gmail.com**